1452

# דברי שלום ואמת

## קריאה נלהבת
## למען השלום והאחדות
## בענין העירוב דבארא פארק

מאת
הגאון הצדיק המפורסם
זקן הרבנים, משיירי כנסת הגדולה
יושב ראש בית ההוראה דהתאחדות הרבנים
מוהר"ר **שלום קרויז** שליט"א
**אבד"ק אודווארי**
בעמ"ח שו"ת "דברי שלום" וש"ס

ביום ר"ח סיון תש"ס לפ"ק
לרגל הכנסת ספר תורה
לביהמ"ד סערדאהעלי
לע"נ אחיו הרה"צ מראצפערט זצ"ל



הגה"צ אבד"ק אודווארי שליט"א ביי זיין פייערדיגע דרשה



בארא פארקער אידן ווייזן ארויס סאלאדאריטעט

# בעזה"י

אן ערנסטן הארציגע ווענדונג וועגן שלום און אחדות, פון דעם זקן הרבנים משיירי כנסת הגדולה, הגאון הצדיק המפורסם רבי שלום קרויז שליט"א אבד"ק אודווארי, וואס איז נתמנה געווארן דורך רבינו הקוה"ט מסאטמאר זי"ע משמש צו זיין אלץ יו"ר "בית הוראה" דהתאחה"ר, ובעמח"ס שו"ת "דברי שלום" וש"ס. מתוך דרשתו הנלהבת לרגל הכנסת ספר תורה לע"נ אחיו הגה"צ מראצפערט זצ"ל, לביהמ"ד דקהל עדת סערדאהעלי, ביום ר"ח סיון תש"ס לפ"ק.

[1]...עס קומט יעצט די הייליגע יו"ט שבועות וואס מ'האט זוכה געווען מקבל זיין די הייליגע תורה. איז דאך דער עיקר "מקבל" צו זיין די תורה. דאס הייסט איינהאלטן די תורה. ס'איז דא א מסורה אין פרשת יתרו "ויחן ישראל נגד ההר", זאגט די זוהר הק', ישראל, מיינט מען "ישראל סבא" יעקב אבינו. איז לכאורה, פארוואס פונקט יעקב אבינו האט זוכה געווען צו זיין ביים בארג סיני, וואס ס'האט נישט זוכה געווען צו דעם, נישט יצחק אבינו און נישט אברהם אבינו, נאר יעקב אבינו? אבער נאך א פסוק איז דא, "ויבא יעקב שלם ויחן את פני העיר". ווי קומען די צוויי פסוקים צוזאם איינס צו די אנדערע? נאר מורי ורבותי,

---

[1] לאחר שהגה"צ מאודווארי שליט"א האריך בדברי תורה לרגל הכנסת ס"ת, המשיך דרשתו דלהלן ע"ד ענין העירוב דבארא פארק העומד על הפרק, למען הבאת שלום ואחדות במחנינו.

עטס זאלטס מיר אנטשולדיגן, איך מוז זאגן אפאר ווערטער, איך וויל רעדן דא צו די חשובע רבנים גאונים, אשר ישנם פה ואשר איננו פה, צו אלע בארא פארקער רבנים, און צו אלע חשובע בעלי בתים, וויל איך רעדן אפאר ווערטער, וואס מיט דעם ענין וועט די מסורה זייער גוט שטימען.

ס'איז דא אזא תשובה אין "שמן רוקח"[2] וועגן די מחלוקה וואס איז געווען אין האמבורג. האט ער געשריבן דארט א לאנגע תשובה, אין אגאנצן עמוד שרייבט ער קודם ווער ער איז, און וואו קומט דאס ער זאל זאגן פאר האמבורג אז זיי זאלן תשובה טוען? האט ער אויסגערעכנט ווער ער איז, וויפיל חיבורים ער האט ארויסגעגעבן וכו', אלעס האט ער דארט געשריבן.

רבותי, איך מוז זאגן פאר ענק - איך מיין בארא פארק, אונז האלטן מיר דא פאר שבועות, פארן הייליגן יו"ט, מיר האבן זוכה געווען אז הקב"ה האט געגעבן די תורה פאר אונז, נישט פאר די מלאכים. ס'שטייט אבער ויחן ישראל נגד ההר, זאגט רש"י כאיש אחד בלב אחד, אלע אידן זענען געווען אזוי ווי איין הארץ. ב"ה איך קען אויך זאגן, חכמה אין כאן אבער זקנה יש כאן. איך בין ב"ה עוסק בהוראה מער ווי זעכציק יאר בלע"ה. איך בין נסמך געווארן פון די גדולי הדור דעמאלס, פון הייליגן מאדע'ר רב, פון קאלובער רב, אויווארישער רב.

איך וועל אייך נאך עפעס זאגן, אז דער הייליגער רבי שלו' אליעזר'ל א זוהן פון דברי חיים איז געקומען אויף אודווארי צופאהרן (להלויה של אביו הגה"צ ר' שמואל דוד זצ"ל אבד"ק אודווארי שנסתלק בדמי ימיו), ווען איך בין דאן געוועלט געווארן פאר רב. עס איז געווען גאנץ שווער דאס אודווארייער רבנות, ס'איז געווען אן עמטליכע רבנות. איז ער (רבי שלום

---

[2] מהגאון הגדול רבי אלעזר מינץ זצ"ל ששימש בכתר הרבנות בששה קהילות קדושות, פילץ, טריטש, ראנשבורג, פילזן, גלאטי, מיקאלאש, סטאנוב. מכתבו להאמבורג נשלח בשנת תקע"ד.

אליעזר זצוק"ל) אריינגעגאנגען צו קהל, און ער האט אין אונגאריש צו זיי גערעדט, געפרעגט וואס הערט מען דא? האט מען עם געזאגט אז מ'קען נישט אזוי כאפן דאס רבנות אויף די מינוט. האט ר' שלום אליעזר'ל זיי געזאגט, איך הייס שוין ענדיגן!

וועגן דער הייליגער רבי שלום אליעזר - מוז איך ענק דא זאגן - אז ווען מ'איז געגאנגען אין ראצפערד צום דעפארטירן נעבעך, אום מוצאי יו"ט פסח, די ערשטע זענען זיי געגאנגען נעמען דעם רבי'ן צום דעפארטירן, זענען אריינגעגאנגען (צו איהם) די אייניקלעך (און געזאגט), זיידע, די זשאנדארן זענען דא, מ'מוז גיין, מ'מוז גיין! האט ער געזאגט אזוי, בזה"ל: מיין ברודער דער הייליגער שינאווער רב איז דא געווען בהקיץ, ער האט איבער געחזר'ערט צעהן מאהל, בהקיץ ער איז דא געווען ביי מיר! און ער האט מיך געפרעגט, ווילסטו מיטקומען מיט מיר, אבער נישט? כ'האב שלעכט געענטפערט, כ'וועט ווען אנדערשט געענפערט! דאס איז איין זאך וואס ער האט געזאגט. נאך האט ער געזאגט, הער מיין קינד, כ'האב פרובירט און אנגעקלאפט אלע טירן ווי כ'האב נאר געקענט, אבער מ'האט מיר אין ערגעץ נישט אריינגעלאזט, כ'האב נישט געהאט נאך וואו צו גיין. דאס איז געווען דער ר' שלו' אליעזר'ל, און ער איז דארט געווען דער ווער ס'האט צוגעהאלפן מיך ערוועהלט צו ווערן דער נייע יונגען מורה הוראה.

איך וויל ענק נאך א זאך זאגן, איך בין געווען צוזאמען מיט'ן הייליגן רבי'ן, מיט'ן סאטמארער רבי'ן זי"ע, כ'האב זוכה געווען, איך ווייס נישט פארוואס, צו זיין צוזאמען מיט אים אין בערגן בעלזן אין דייטשלאנד. מיר זענען געזעסן אינאיינעם, און ער איז געשלאפן אין אנדערן בעט לעבן מיר, א האלב יאהר. איך בין דארט געווען צוזאמען מיט אים, און צוגעהאלפן אין אסאך זאכן. נאכדעם איז מען אנגעקומען קיין שווייץ, בין איך אויך געווען זייער נאענט. איך האב געפירט די גאנצע כשרות אין די שווייצ'ע לאגערן. ס'איז דארט געווען א פאר לאגערן. ס'איז

דארט געוועון אנדערע רבנים, אבער אלעס וואס איז דארט פארגעגאנגען האב איך אנגעפירט.

ס'איז געקומען דא ווען איך האב ארויסגעגעבן די ערשטע (חלק) תשובה ספר - ס'איז שוין יעצט זעקסן דרייסיג יאהר דערפון - זאג איך פאר'ן רבי'ן, אז איך וויל אז ער זאל מיר געבן אן הסכמה בריוו. (האט דער רבי געזאגט) "ווייסט דאך אז איך געב נישט קיין הסכמות. - ס'איז דארט געוועון א גרויסע עולם אין שטוב - די ברויכסט נישט קיין הסכמה! דעם חתם סופר'ס צייטן האט מען זייער אכטונג געגעבן אויף הסכמות, א ספר וואס ס'איז געוועון דערויף א חשש מינות, האט מען נישט געגעבן א הסכמה. היינט האבן אלע ספרים אן הסכמה, אפילו די מיט מינות האבן הסכמות. מ'קען דיך גוט, די ברויכסט נישט קיין הסכמה"! און ער האט מיך געהייסן זיין נאמען אריינשרייבן אנהייב ספר (מנותני מעות קדימה). ווען דער ספר איז פארטיג געווארן, האט ער געקוקט די ספר, און ווען ער האט געזעהן זיין נאמען מיט גרויסע ווערטער, האט ער געזאגט, "אה, ס'איז מיט גרויסע ווערטער, ס'איז מער ווי אן הסכמה". כ'האב דאך גענומען הסכמות, ווייל ס'איז געוועון מיין ערשטער ספר, און איך בין נאך א יונגער מענטש געוועון. כ'האב גענומען פון טשעבינער רב, און פון ריסקעווע רב, און ר' דוד יונגרייז, און פון ר' משה פיינשטיין האב אויך גענומען אן הסכמה. כאטש דער רבי האט געזאגט אז איך ברויך נישט קיין הסכמות, האב איך געהאלטן אבער, אז אויף דער ערשטער ספר מוז מען האבן אן הסכמה. דער רבי האט מיר זייער גוט געקענט, נאהנט.

אין תשל"ו האט די רבי צוזאמען גערופן אפאר אלטע זקנים רבנים, און ער האט זיי געזאגט, אז מ'מוז מאכן א "בית הוראה". מ'זעהט די דורות גייען אוועק, "זקנים משער שבתו" (איכה ה יד), מ'מוז האבן א בית הוראה. איז דער טשאקאווע רב דארט געוועון, האט ער געזאגט, רבי, אז די זקנים גייען אוועק, נו ווער וועט זיין דער בית הוראה? האט דער רבי שטיל געשוויגן פינף מינוט, צוגעמאכט די אויגן און געטראכט, האט ער געזאגט,

"דער אודווארער רב"! אבער איך האב עס נישט געוואלט אהנעמען. האט די טשאקעווער רב געזאגט אז ס'איז א גרויס חשיבות אז די רבי האט קלאר טאקע געזאגט מיין נאמען, זאלסטו עס יא אהנעמען. זייט דעמאלס איז שוין א מעשה ב"ה פון לאנגע יארן וואס איך פיר ב"ה אהן.[3]

איז אזוי, עכ"פ קען מען זאגן אז כ'האב הסכמה פון די אלע גדולים וואס כ'האב יעצט אויסגערעכנט. וויל איך בעטן די היזיגע רבנים און די אלע וואס זענען מתנגד פארן עירוב, ס'איז ידוע די גמרא (סנהדרין צ"ט:) מאי אהני לן רבנן? - וואס טוען די רבנים - מעולם לא שרי לן עורבא - זיי האבן קיינמאל נישט מתיר געווען צו עסן רויב פלייש - וואס הייסט? עורבא מיינט מען (בדרך רמז) עירוב, מ'האט קיינמאל נישט געמאכט קיין עירוב!!! וואס איז דאס עפיס, פארוואס? ווייל וועגן אן עירוב שטייט אז דער תכלית פון עירוב איז אחדות. מ'מאכט איינס און מען איז מזכה דעם גאנצן עולם, ס'איז פונקט אזוי ווי אלע אידן האבן איין רשות, דאס איז אן עירוב. די תכלית פון אידן אז מען זאל ארויס גיין פון גלות, איז דעס אז מען זאל האבן אחדות.

מורי ורבותי (בקול בוכים ובדמעות שליש), איך מיין גאנץ בארא

---

[3] **ראוי להעתיק פה לשון הגה"צ המפורסם מטשאקאווא זצ"ל מש"כ ביום ד' נח תשל"ג וז"ל,** "הרה"ג מפאר היחס מופלא ואיש המעשה מוה"ר אשר אנשיל קרויז שליט"א הרב דקהל ראצפערט בוויליאמסבורג עוסק כעת בדבר גדול להשתדל בתיקון עירובין בשכונתינו...אשר דרים שם אחב"י היראים והחרדים הי"ו, ואמינא לפעלא טבא יישר חילי' כמו שהאריך בשו"ת תשב"ץ ח"ב סי' ל"ז וכתב שם במתק לשונו דזכות גדולה היא למיתקן וכו', וכמבואר באורך בשו"ת חתם סופר או"ח סי' צ"ט, וממילא כל קהלה ויחיד צריכין לעמוד לו לסיוע לכלכל גודל ההוצאות בזה. אך התיקוני עירובין למעשה, יהיו נעשים ע"י גדולי הרבנים שליט"א". עכ"ל. ובאותו תקופה נכתבו מכתבים כאלו משאר גדולי הרבנים המפורסמים, המקורבים לרבינו הקוה"ט זי"ע, ה"ה הגאונים הצדיקים **משארמאש, מפאפא, ומסאמבאטהעלי**, ומהדיין המובהק **מוויען**, זכרונם לברכה, והצד השוה שבהם שכולם עודדו וזירזו לדבר מצוה רבה מדברי סופרים זו הצריכה חיזוק יותר משל תורה.

פארק. כ'האב זיכער געמיינט ווען איך בין געווען אין לאגער, אז ווען מ'וועט אהיימקומען פון לאגער, וועט זיין אהבה און אחדות! נעבעך, אין דער צייט טאקע האט מען פארגאסן מיליאנען בלוטן, פון אונזערע עלטערן און קינדער. כ'האב געמיינט אז ס'וועט שוין נישט זיין אזא זאך אז מ'זאל וועלן מאכן מחלוקת, חס מלהזכיר. ס'וועט זיין אחדות וועט זיין די גאולה שלימה. די שטן האט מורא פון אחדות. ער ווייסט אז ס'וועט זיין אחדות וועט זיין די גאולה. ער וועט האבן א שווארצע סוף דער שטן. האט ער מורא דערפון. אבער איך האב נישט געקענט גלייבן אז עס וועט זיין אזעלעכע מחלוקת.

סאיז נעבעך טאקע געבליבן אפאר רבנים, אבער היינט כמעט נאר געציילטע רבנים וואס זענען פון פריער. און געציילטע רבנים וואס האבן געוואוינט און נתגדל געווארן אין רבנישע הייזער. כ'האב געהערט פון סאטמערער רבי'ן זאל לעבן, ער האט געזאגט אמאהל, אז ס'איז ידוע די סמ"ע וואס האט געזאגט אז דעת בעלי בתים איז אקעגן דעת תורה. א איד וואס איז געוואקסן ביי א פאטער א מורה הוראה, האט ער אנדערע השגות אין הוראה, ווי אן אנדערע יונגערמאן וואס ער קען אויך עפעס לערנען.

"לא תענה על ריב" דרש'ענען חז"ל "לא תענה על רב".[4] דער רמב"ם פסק'נט טאמער איינער איז מחולק אויף אן עלטערן רב, זאגט דער רמב"ם איז ער בגדר "גס לבו בהוראה"![5]

מורי ורבותי, איך מיין קיינעם נישט צו באליידיגן, איך ווייס

---

[4] סנהדרין י"ח: ל"ו.

[5] וז"ל הרמב"ם בפ"כ מהלכות סנהדרין ה"ח: "כל דיין שבא לפניו דין והתחיל לדמותו בדין פסוק שכבר ידע אותו, ויש במדינה **גדול ממנו ואינו הולך ונמלך בו**, הרי זה בכלל הרשעים שלבם גס בהוראה. ואמרו חכמים רע על רעה תבוא לו, שכל הדברים וכיו"ב מגסות הרוח הן ומביאתו לידי עוות הדין". ועיין עוד ברמב"ם בפ"ה מהלכות תלמוד תורה ה"ד.

זיכער אז ווען ר' משה ביק זכרונו לברכה וואלט ווען היינט געווען וועהן, ער זעהט ווען, וואס פאר א מחלוקת ס'מאכט זיך וועגן עירוב וואלט ער העכסטנס ער נישט געטראגן. ער וואלט נישט צוגעלאזט זאלן מאכן אזא מחלוקת. ער וואלט ווען צוריק געצויגן זיין דעת. און דער זוהן וויל מקיים זיין כיבוד אב, א שיינע זאך טאקע, נאר איך בין עם מבטיח אז ער האט שוין יוצא "כיבוד אב", אויף הונדערט פראצענט האט ער שוין יוצא געווען. ממילא בעט איך אלע רבנים ס'איז היינט א זמן פון תשובה, ווי ס'שטייט אין די תורה "ויען כל העם קול אחד" כאיש אחד בלב אחד. יעקב האט זוכה געווען צו זיין ביים בארג סיני, פארוואס? ווייל "ויחן את פני העיר" ווען ער איז אנגעקומען אויף שכם שטייט אין מדרש, ער האט געמאכט עירובי תחומין עירובי חצירות, דאס איז געווען די ערשטע אויפגאבע פון יעקב אבינו. ווייל ויח"ן את פני העיר פאר דעם ויח"ן שם ישראל נגד ההר, האט יעקב זוכה געווען צו זיין קעגן בארג סיני.

וועגן דעם בעט איך ענק אלע, כ'האב אויסגערעכנט מיינע זאכן, פארוואס? אין אמת בין איך גארנישט טאקע, אבער דאך כ'האב מיטגעמאכט אין הוראה אזויפיל יאהרן, איך מיין נישט קיין שום פאליטיק, כ'האב נישט קיין נגיעה פאר'ן עירוב. די רבנים אויך, וואס האבן געמאכט דעם עירוב זענען חשובע תלמידי חכמים, זיי פסק'ענען איסור כרת שאלות, און אלע שאלות, און קיינער איז נישט מחולק. און פונקט אזא קליינעקייט וואס מאכט זיך דא, וואס כ'האב אליין געהערט פון סאטמארער רב זאל לעבן, ער האט מיר געזאגט, "אודוואריער רב, איך בעט אייך, פארט אהיים (פון פלארידא) און מאכט שוין אן עירוב. צופרי פאר איך אפ מיט אייך צוזאמען, און ס'וועט זיין אן עירוב". דאס איז נישט קיין מעשיות, דער רב איז אויך שוין זעכציק יאר א מורה הוראה, און ער האט קלאר געזאגט אזוי, "מיין זיידע (דער ייטב לב) האט פארשפראכן אז ווער עס וועט מחזק זיין מאכן אן עירוב (אין סיגוט) געב איך איהם מיין חלק אין עולם הבא אוועק", און אזוי ברענגט מען אויך פון נאסויד'ער רב זכרונו לברכה.

וויל איך בעטן די אלע רבנים, מ'פאלט אריין, די יצר הרע כאפט זיך אריין. וואו נעמען זיך יונגע מורי הוראה'ס גיין מחולק זיין אויף אלטע רבנים? אזוינס איז נישט געוועזן. אינדערהיים אז ס'איז געווען א שאלה וועגן עירוב, האט מען געשריבן א שאלה צום לבושי מרדכי, צום ראדמישלע רב, און אזוי ווי ער האט געשריבן, אזוי איז עס געוועזן. היינט, רעדט זיך איין יעדער יונגערמאן אז ער קען מער ווי אלע אלטע רבנים, און ער איז מוחה איין מאל, און צעהן מאל, און צוואנציג מאל. איך בין מוחה נאר איין מאל. צוואנציג מאל? וואו איז דער דרך ארץ?! וואו איז דער יראת שמים?

איך בעט זיי אלע, זיי זענען אלע זייער חשוב ביי מיר, זיי האבן געהאט שימוש ביי מיר, אז זיי זאלען היינט חרטה האבן, זיי זאלן שטיל שווייגן, זאלן טוהן (פארזיך) וואס זיי ווילן. און איך גאראנטי זיי, טאמער וועט מען זיי אפשטעלן בעוה"ב אז דער עירוב איז נישט גוט, זאג איך זיי צו, אז זיי וועלן נישט זיין קיינמאל פארדעם אין גיהנום. אדרבה די רבנים וואס האבן געמאכט אן עירוב וועלן האבן דעם שענסטן גן עדן.

בעט איך אלע רבנים, עטס מעגטס הארכן מיר אויך. איך בין גארנישט טאקע, כ'האב נישט אזויפיל לומדות, עטס קענטס קענען מער ווי מיר, אבער איך בין עוסק בהוראה אזויפיל יאהרן, איך בעט ענק למען השם מאכטס נישט קיין מחלוקת, דאס איז מעשה יצה"ר. נעבעך די מחלוקת איז אלעס דוחה. דערמאנטס ענק וואס איז אין די היינטיגע טעג געוועזן, וויפיל אידען זענען אומגעקומען היינט? ברויך מען דאס מתקן זיין טאקע. און נאר דורך שלום, דורך אהבה אחוה וריעות, ממילא בעט איך די אלע רבנים יונגע רבנים און די אלטע רבנים וואס זענען ארייגעפאלן אין די מחלוקה אריין, במילא איז עס שוין אריינגעקומען און ארייגעפאלן אין די צייטונגען, אין די אלע זאכן פאלט אריין אין בזיון ת"ח. ס'איז געוואלדיגע זאכן וואס די גמרא ברענגט קעגן בזיון תלמיד חכם.

וויל איך מוחה זיין קעגן די אלע זאכן, אז ס'זאל מער נישט פארקומען. און נישט אין "דער איד" וואס הייסט דאך מ'קלאמפיש א אומפארטייאישער צייטונג, ס'איז אונזער צייטונג, דער חסידישער צייטונג, אזוינס טאר קיינמאל נישט פארקומען.

די וואס האבן געמאכט דעם עירוב זענען ערליכע רבנים תלמידי חכמים. ס'איז דא יונגעלייט, גאנץ פיין פסק'ענען זיי שאלות, אבער זיי מוזן וויסן מהרהר צו זיין און מתבונן זיין ווי רבי חיים ויטאל זאגט...[6] דערפאר בעט איך זיי אלע, זאלען רעספעקטירן מיינע אלטע ווערטער וואס איך ארבעט פאר'ן כלל ישראל אזויפיל יאהרן, אז זיי זאלען אויפהערן די מחלוקה. זיי האבן די מחלוקת שוין יוצא געווען. זיי זאלען אלע אנערקענען דעם עירוב, אפילו זיי ווילן נישט טראגן זאלן זיי נישט טראגן, אבער זאלן אנערקענען דעם עירוב. ממילא וועט זיין אחדות, וועט הקב"ה העלפן אז מ'וועט זוכה זיין צו די גאולה שלימה, און נעבען די אלע צדיקים וואס זענען בעולם העליון וואס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם וועלן זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע.

דער רבי אליין זכותו יגן עלינו, זאג איך ענק, וועט זיין א מליץ יושר, ווייל ס'איז נישט ווי מ'כאפט זיך אהן אינעם רבי'ן אז ער האט נישט געהאלטן דערפון. ווייל ס'הייבט זיך די אלע זאכן גארנישט אהן.[7]

---

6 לא ברור מן הטעיף, ואולי כוונתו על מש"כ בשער המצוות (פ' בשלח דרוש ג) בשם האר"י הקדוש, בגודל ענין תיקון עירובין.

7 עיין להלן (עמוד יב) עדותו הנאמנה של הרה"צ מוהר"ר יוסף אשכנזי שליט"א, משב"ק רבינו זי"ע. וכן כתב הגה"צ מעמודי ההוראה מוהר"י ראטה שליט"א אבד"ק קארלסבורג בזה"ל: "...תיקון העירוב פה... והוא עשוי בכל דקדוקי ההלכה באופן שעדיין לא נעשה פה ועומד תחת פיקוח מעולה... בכגון דא אין זה **מנוגד כלל נגד דעת קדשו של מרן רבינו זצוק"ל**, וגם אין בזה סתירה כלל לדעת הרבנים הקודמים נוחי נפש ז"ל וכו', ובכן

זאל הקב"ה העלפן אז די אלע רבנים אין בארא פארק און אנדערשרוואו, און די בעלי בתים וואס זענען מחולק קעגן עירוב, בעט איך למען השם, זיי זאלן רחמנות האבן אויף זיך אליין, זאל נישט די מחלוקת גיין ווייטער און ווייטער. מחלוקת איז א געוואלדיגע געפערליכע זאך. מחלוקת מאכט אלע חורבנות'ער אין פרנסות, ס'איז היינט דא אזויפיל יונגע קראנקע מענטשן, ארימע אידן אהן פרנסה, דאס איז אלעס וועגן מחלוקת. עטס זאלטס אלע חרטה האבן, און פון היינט מאהל אהן, זאל זיין אהבה אחוה וריעות, מען זאל זוכה זיין זאל בטל

---

יכולין הכל לסמוך בהיתר טלטול" (ראוי להזכיר שעליו אמר רבינו זי"ע "**ער איז א געבוירענע מורה הוראה**" וכידוע אותו הביא רבינו מא"י לשמש בתור דומ"ץ דק"ק יט"ל בבארא פארק). ועד"ז כתב גם הרב הגאון מוהר"ר יצחק מאנדל שליט"א מקרית יואל בעמ"ח שו"ת וס' "חקר הלכה" מחשובי תלמידי רבינו בתשובתו וז"ל "אך כל זה לענין לערב <u>כל מאנהעטין</u> או <u>כל ברוקלין</u> דאיכא בתוכו גם רחובות הכי גדולות כנ"ל, אבל בנידון לערב רק שכונה אחת שרובם שומרי תו"מ ונעשה בפיקוח רב גדול ומובהק בהוראה כמו מע"כ הדר"ג בודאי דיכולים לסמוך על הוראות מרן רבינו הגדול זצוק"ל הנ"ל דהעיקר להלכה למעשה כמ"ד דאין לנו רה"ר מה"ת כיון שאין בו סמך ריבוא וכנ"ל".

ולענין מה שמפרסמים בעיתונים הוכחה בדעת רבינו זי"ע ממכתבו של הגה"צ אבד"ק פריימאן ז"ל שרבינו לא הסכים להעירוב במאנהאטען, אין משם שום ראי' כלל, וכדכתב הרה"ג בעל "חקר הלכה" בדעת רבינו זי"ע, לחלק בין עירוב על <u>כל העיר</u>, ובין עירוב הנעשה רק על שכונה חרדית בלבד. מה גם שהיתר הטלטול במאנהאטען לא הי' ע"י תיקון צוה"פ מיוחד, אלא על סמך היתרים אחרים העשויים להשתנות כידוע ויכולים לצאת מזה מכשולים בלא יודעים, ומכמה וכמה טעמים שהיו נוגעים להזמן והמצב דשם, שאינם נוגעים כלל לצוה"פ בשכונה החרדית בארא פארק. ועי' בסוף תשובת הגה"צ אבד"ק פריימאן (מרפא לנפש ח"ג סי' נ"ב, מתאריך ב' סיון תש"ז) בדין רה"ר, וז"ל, "ואע"ג דבית מאיר ומ"ב פקפקו בזה על המג"א וטו"ז, כנראה נהוג עלמא כהני סבי, וכן ראינו ושמענו מהרבה צדיקים שעשו כן למעשה, להראות הלכה להקל בעיירות המתוקנין בעירובין ע"י צוה"פ, ואדרבה חששו על המחמיר בזה, שהוא בכלל אינו מודה בעירוב, כמ"ש נימוקי או"ח סי' שצ"ד ע"ש [שהביא מנהג זה מהגה"ק בעל בני יששכר זי"ע] כנודע", עכ"ל שו"ת מרפא לנפש. וכעת נודע שגם הגה"ק בעל חידושי הרי"ם נהג כן, שהקפיד לטלטל כדי להיות "מודה בעירוב".

ווערן די שנאת חנם, און ס'זאל זיין שלום ושלוה, ווען מיר זוכה זיין בקרוב צו גיין מקבל זיין די תורה, און גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.

הרה"צ מוהר"ר יוסף אשכנזי שליט"א, משב"ק ונאמן ביתו של כ"ק רבינו הקוה"ט מסאטמאר זי"ע, האט זיך מטריח געווען צו קומען פון מאנראו ספעציעל לכבוד די שמחת הכנסת ס"ת לע"נ דעם ראצפערטער רבי'ן ז"ל. דאס איז געווען א פאסיגע געלעגענהייט זיך איבערצושמועסן מיט הר"ר יוסף'ן איבער דעם מיינונג פון רבי'ן זי"ע בנוגע תיקון עירובין אין ברוקלין. פאלגענט זענען די תשובות אויף די שאלות וואס מ'האט איהם געפרעגט:



שאלה: במשך אלע יאהרן, וואס איהר האט זוכה געווען צו שטיין לימינו פון רבי'ן זי"ע, האט איר א מאל געהערט עפעס פון רבי'ן קעגן אויפשטעלן א צורת הפתח אין ברוקלין?

תשובת הר"ר יוסף: כ'האב קיינמאל פון רבי'ן נישט געהערט עפעס קעגן אן עירוב.

שאלה: געדענקט איהר אפשר וואס האט פאסירט ווען דער ראצפערטער רבי האט גערעט מיט'ן רבי'ן איבער אן עירוב אין וויליאמסבורג?

**תשובת הר"ר יוסף:** א וודאי געדענק איך, ער איז געווען ביים רבי'ן מערערע מאל דורכרעדן דעם ענין. און ווען ער איז געווען די לעצטע מאל וויזן דעם רבי'ן די אלע בריוו'ן פון די רבנים וואס ער האט ערהאלטן, האב איך קלאר געהערט ווי דער רבי האט איהם געזאגט "ס'איז א גוטע זאך, א וויכטיגע זאך, נאר ער זאל זעהן ס'זאל האבן א פאראנטפארטליכע השגחה, ווייל טאמער די השגחה דערויף וועט נישט זיין אין ארדענונג, קען זיין גרויסע מכשולות". און דער רבי האט איהם געגעבן געלט לחיזוק הענין.

**שאלה:** ס'איז דא אזעלכע וואס ווילן זאגן כאילו דאס געלט וואס דער רבי האט איהם געגעבן איז געווען סתם אויף צדקה.

**תשובת הר"ר יוסף:** איך בין נישט קיין יודע מחשבות, איך ווייס נאר וואס דער רבי האט געזאגט, אז "סאיז א גוטע זאך, און א וויכטיגע זאך".

**שאלה:** איז דאס אמת אז הרבנית הצדיקת תחי' איז נישט ארויסגעגאנגען שבת מיט תכשיטין, ע"פ הוראת רבינו, וועגן חשש פון רה"ר דאורייתא?

**תשובת הר"ר יוסף:** <u>שקר גמור</u>,[8] די רעבעצין איז אלע מאל ארויס שבת מיט צירונג.

(הר"ר יוסף האט די זעלבע רייד איבערגעזאגט נאכאמאל פאר א חשובע'ן דיין אין בארא פארק, און עס איז רעקארדירט געווארען אויף טעיפ, ברשותו של הר"ר יוסף שליט"א. דעם טעיפ וועט מען קענען באקומען דורכ'ן "וועד העירוב דבארא פארק").

---

[8] שקר זה נתפרסם בעיתון "די צייטונג", תחת השם "הרב י. מ. סופר".
גם הרב הגאון מוהר"ר יצחק מאנדל שליט"א מקרית יואל בעמ"ח שו"ת וס' "תקר הלכה" מחשובי תלמידי רבינו זי"ע, כותב בענין זה וז"ל "במה שפירסמו ב"מכתבי עת" בשם מרן ז"ל, שאמר להרבנית תחי' שתמנע עצמה מלהוציא תכשיטה ברה"ר מחשש רה"ר דאורייתא וכו' עכ"ד, אין הדברים נכונים והשומע שמע וטעה, ואדרבה נהפוך הוא, דהרבנית תחי' שאלה למרן ז"ל היות דאיכא שמועה בשם הגאון ר' יונתן שטייף זצ"ל שהנשים ימנעו מלצאת בהתכשיטין ברה"ר. והשיב לה מרן ז"ל שא"צ לחוש כלל ותתנהג עצמה כמו עד עכשיו. וכן התנהגה הרבנית תחי' שהיתה יוצאת בכל שבת בתכשיטיה ברה"ר כמו שמעידים כל קרוביה, (ועיין חו"מ סימן ל"ה סי"ד ברמ"א). ופלא מאוד שמפרסמים ברבים היפך המציאות, בעוד שאיכא הרבה שזוכרים האמת, ועכ"פ הוא דבר שהי' בכלל (הפירסומים בשם מרן ז"ל) וללמד יצא".

# מי ראה את אלו יוצאים...







כ״ק אדמו״ר מטשערנאביל שליט״א,
כ״ק אדמו״ר מחוסט שליט״א (נו״ם),
הגה״צ אבד״ק גרויסווארדיין שליט״א.



הגה״צ אבד״ק סערדאהעלי שליט״א



כ״ק אדמו״ר ממונקאטש שליט״א



כ״ק אדמו״ר מראחמעסטריווקא שליט״א



הגה״צ אבד״ק אודווארי שליט״א



הגה״צ רבי פישל הערשקאוויטש שליט״א



הגה״צ מוהר״ר נפתלי צבי הלברשטאם שליט״א
בן כ״ק אדמו״ר מבאבוב שליט״א

